# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

## מחבר ספרים הקדושים 'אך פרי תבואה' עה"ת און 'הישר והטוב' על מועדים וסוגיות הש"ס

ברכי' אילאוויטש

### תולדות צדיק

הגאון הקדוש המפורסם רבי צבי הירש פרידמאן זצ"ל, באקאנט אלס "רבי הערשל'י ליסקער" איז געבוירן ט' אייר תקס"ח, צו זיין פאטער הרב החסיד ירא שמים מרבים רבי אהרן ז"ל, און צו זיין מוטער הצדיקת המפורסמת שרה ע"ה (באקאנט מיט'ן נאמען "שרה די בעקערין"). זיין מוטער איז געווען א גרויסע צדיקת, נאך איר פטירה פלעגן אידן באזוכן איר קבר אין די שטאט אוהעל און אויסבעטן דארט ישועות.

ביי די אכט יאר איז ער געווארן א יתום ל"ע פון זיין פאטער. זיין מוטער די צדיקת האט אים מגדל ומחנך געווען. רבי הערשל'י ליסקער פלעגט אלץ משבח זיין דאס מסירת נפש וואס זיין מוטער האט געהאט צו תורה. קליינערהייט האט ער געלערנט אין די שטאט אוהעל, ווען ער איז עלטער געווארן האט אים זיין מאמע געטראגן אויף די פלייצע קיין דעמביץ אין פוילן. דארט האט ער געלערנט ביי הרב הגדול רבי אברהם ז"ל, וועלכער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, בקי בד' חלקי שו"ע מיט אלע סעיפים. רבי הערשלי ליסקער האט אים גערופן, "רבי ר' אברהם".

שפעטער איז רבי הערשלי ליסקער געפארן לערנען קיין באניהאד צו דעם גאון אדיר רבי הירש חריף זצ"ל בעל טיב גיטין. טראץ דעם וואס רבי הערשלי ליסקער איז נאך געווען גאר יונג, האט ער זוכה געווען צו א באזונדערע חביבות פון זיין רבי'ן. זיין רבי האט אמאל מעיד געווען אויף אים, אז ביי א שארפן פלפול וואס ער האט גע'דרש'נט אין בראד - וועלכער איז געווען באקאנט מיט אירע גדולי תורה - האבן נאר דריי לומדים באוויזן צו פארשטיין דעם חריפות'דיגן פלפול, אבער דער יונגער בחור (ר' הערשלי) האט עס גוט פארשטאנען...

ווען ר' הערשלי ליסקער איז אהיימגעקומען קיין אוהעל פון באניהאד, זייענדיג בלויז פופצן יאר אלט, איז ער שוין געווען בקי אין חו"מ חלק א' מיט'ן "קצות החושן" בעל פה.

ער האט זיך מדבק געווען צום אוהעלער רב הגה"ק רבן של ישראל דער "ישמח משה". פון אים האט ער געשעפט תורה, עבודה און קדושה וואס זיין הדרכה האט אים באגלייט כל ימיו הקדושים. דער ישמח משה האט אים געבעטן ער זאל קובע זיין צו לערנען בצוותא חדא מיט זיין באליבט אייניקל דער שפעטערדיגער רבן של ישראל הייטב לב.

רבי הערשלי ליסקער איז געווען א גאון עצום. דער הייליגער ישמח משה האט אמאל געזאגט פאר זיין איידעם בעל ארי' דבי עילאי זי"ע בזה"ל: "מיט דעם בחור, רבי הערשלי ליסקער, קענסטו רעדן אין לערנען"...

אויך דער מהר"ם א"ש זצ"ל מגדולי תלמידי החת"ס האט אים שטארק מחשיב געווען.

אין ספר הישר והטוב ווערט געברענגט, אז רבי הערשלע ליסקער האט אמאל געהערט ווי זיין איידעם איז זיך מתווכח מיט איינעם פון די חסידים, איבער דעם וואס דער קדושת לוי שרייבט אין פרשת יתרו אויפ'ן פסוק "ומשה עלה", אז אויב א איד איז זוכה, הערט ער יעדן שבועות דאס קול וואס רופט אויס: "אנכי ה' אלקיך". זיי האבן זיך מתווכח געווען צי די כוונה איז טאקע א קול ממש. האט זיך רבי הערשלי ליסקער אנגערופן בזה"ל: "דאס מיינט מען א קול ממש, און איך ווייס אויך אז עס איז אמת"...

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע פלעגט קומען אויף עטליכע וואכן קיין אונגארן, און עס האבן געשטראמט צו אים פיל חסידים ואנשי מעשה. רבי הערשלע ליסקער איז אויך געפארן צו אים אויף א שבת. ווען רבי הערשלי ליסקער איז אריינגעקומען, האט זיך רבי אייזיק'ל אויפגעשטעלט פון בענקל און קעגנגעגאנגען און געמאכט א ברכת שהחיינו בשם ומלכות.

ער איז אויך געפארן צו די אנדערע צדיקי הדור. ער איז נאך געווען ביי די צדיקים: דער ראפשיצער רב זי"ע און דער אור לשמים פון אפטא זי"ע. שפעטער איז ער געפארן צום רבי'ן ר' הערש פון רימנוב, צום רוזינער, רבי מאיר'ל פרימישלאנער, צום צאנזער רב, רבי יהודה הערש ראזלער, רבי שלום'קע בעלזער, רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע.

ער איז געווען רב אין די שטאט ליסקא. נאך די הסתלקות פונ'ם ישמח משה, זענען געקומען צו אים חסידים ואנשי מעשה, און ער האט אנגעהויבן פירן רבי'סטווע. צווישן זיינע חסידים זענען געווען עטליכע שפעטערדיגע באוואוסטע רבי'ס און רבנים, גאר באוואוסט צווישן זיי איז זיין משמש בקודש און תלמיד הרב הקדוש עושה פלא רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

ער איז נסתלק געווארן י"ד אב שנת תרל"ד, ומנו"כ אין ליסקא.

עס זענען פארבליבן פון אים די ספרים: אך פרי תבואה עה"ת, און הישר והטוב על מועדים וסוגיות הש"ס. זיין ממלא מקום איז געווען זיין איידעם הגה"ק רבי חיים פרידלענדער זי"ע בעמח"ס טל חיים, און זיין משמש בקודש הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

### ארבעים יום רצופים

הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל מרא דארעא קדישא ירושלים עיה"ק תובב"א האט דערציילט:

דער ליסקער רב האט אמאל פערציג טעג אין א צי נישט נהנה געווען פון עולם הזה, ווייל בשעת ער האט געגעסן האט ער איינגעטונקען דאס עסן אין טאבאק, און בשעת ער איז געשלאפן האט ער געלייגט זיין פיס אין זיין קאפ אראפ, אזוי אז ער זאל נישט שפירן קיין שום טעם בשעת ער עסט און שלאפט, און ער איז געקומען צו אזא סארט דרגא אז ער האט נישט געקענט מער סובל זיין א פשוט'ן איד צוליב זיין גרויס קדושה, האט ער געבעטן פון השי"ת מען זאל צונעמען די דרגא פון אים. (איבער די מספר פון פערציג טעג רצופים, קוקט אין 'אך פרי תבואה' פרשת שלח אויפ'ן פסוק וישובו מתור הארץ מקץ ארבעים יום, און אין צעטיל קטן ס"ק ט"ו).



מצבת הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

### מיט א שטיקל צוקער

א לאנגער גריצלנדער פייף האט אנגעזאגט פאר די ווארטנדע ביי דער באן-סטאנציע אז די באן געפונט זיך שוין זייער נאנט און קומט שוין אט אט אן. די צוויי אידן - דער דיין פון דער שטאט באדריוב, אין באגלייטונג פון נאך א יונגערמאן - וועלכע זענען דארט געשטאנען אפווארטן די באן, האבן עטוואס לייכטער אפגעאטעמט. מיט אנגעצויגענע בליקן האבן זיי געקוקט צום ריכטונג פון וואו די באן האט געזאלט אנקומען. זאל עס נאר נישט זיין א מינוט נאך די לעצטע... יעדע מינוט איז דאך א פראגע פון לעבן אדער...

זיי האבן אנגעשטרענגט זייערע אויגן און נאכגעקוקט אלע פאסאזשירן וואס זענען אראפגעשטיגן פון באן. און אט האבן זייערע בליקן באגעגנט דעם ווען זיי האבן אזוי אומגעדולדיג אפגעווארט: דער צדיק רבי הערשלע פון ליסקא, וועלכער איז אראפגעשטיגן פון באן אין באגלייטונג פון זיין געטרייער משב"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער.

דער באדריוב'ער דיין איז צוגעשפרונגען צום צדיק מיט איילנדיגע טריט. דער יונגערמאן איז אים נאכגעגאנגען כמעט ווי א ראבאט, זיין קאפ איז פשוט נישט געווען אויף אים. "רבי", האט זיך דער דיין אנגערופן ווייזנדיג אויף דעם יונגערמאן, "דער יונגערמאן איז זייער פאר'צרה'ט. זיין פרוי געפונט זיך אין א גאר שווערע לאגע, די דאקטוירים געבן ליידער נישט קיין סאך האפענונג. איך בעט אייך, רבי, קומט אריין מיט אונז אין שטאט אין הויז פון די פרוי, צו מתפלל זיין פאר איר און איר אנוואונטשן זי זאל איינגיכן געהאלפן ווערן".

דער יונגערמאן האט געקוקט צום צדיק מיט א בליק פול מיט האפענונג. באלד ווי ער האט געהערט אז דער צדיק רבי הערשלע ליסקער גייט אדורכפארן נישט ווייט פון זייער שטאט, האט א שטראל פון האפענונג אריינגעשיינט אין זיין פארצווייפלטע הארץ. א תפילה פון אזא צדיק קערט זיך זיכער נישט אום ליידיג. אוודאי אויך א ברכה וואס קומט ארויס פון אזא הייליג מויל, קען געוויס פועל'ן א ישועה.

אבער ווי ביטער אנטוישט איז ער געווארן, ווען דער צדיק האט זיך פארענטפערט פאר זיי אז ער איילט זיך זייער שטארק. אט-אט דארף אנקומען די באן מיט וועלכע זיי דארפן פארזעצן זייער רייזע קיין צאנז, און עס איז אים זייער וויכטיג צו דערגרייכן אהין ווילאנג עס איז נאך טאג, כדי צו קענען דאווענען מנחה צוזאמען מיט'ן הייליגן צאנזער רב. און עס איז פארשטענדליך אז אויב ער וועט יעצט אריינפארן אין שטאט, וועלן אלע שטאט-לייט אויסנוצן די געלעגנהייט אים אנטקעגן צו קומען און בעטן ביי אים א ברכה וואס דאס קען פארציען די רייזע אויף ווער ווייסט ווי לאנג.

דער צדיק האט אבער נישט אנטזאגט דעם פארצווייפלטן געבעט, נאר ער האט זיך געווענדעט צו זיין געטרייער גבאי רבי ישעי'לע און געזאגט: "דו ביסט דאך אנגעטאן אין מיין כאלאט, אין טאש געפינען זיך דארט עטליכע שטיקלעך צוקער. גיי שנעל אריבער צו די פרוי וועלכע געפינט זיך אין א שווערן צושטאנד, זע מען זאל אריינלייגן אין איר מויל א שטיקל צוקער, און דערנאך קום שנעל צוריק מיר דערציילן די גוטע בשורה".

אך, האט זיך דער יונגערמאן געקלערט, וואס קען שוין אויפטון א שטיקל צוקער? פארמאגט דאס דען כח פון א תפילה אדער ברכה פון א צדיק?!

רבי ישעי'לע האט זיך אבער נישט פארזוימט.

(פארזעצונג אויף זייט 16)

# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

(פארזעצונג פון זייט 15)

ער איז באלד אריין אין שטאט איבערצוגעבן די צוקער און ער האט געהייסן מען זאל עס געבן פאר די פרוי.

ווי נאר מען האט אריינגעלייגט דאס שטיקל צוקער אין איר מויל, איז דער נס געשען, טראץ אלע שווארצע נבואות פון די גרויסע דאקטוירים איז די פרוי מיט איינמאל אויפגעראכטן געווארן. רבי ישעי'לע האט זיך באלד צוריקגעקערט צום צדיק מיט א פרייליכן "מזל טוב": ביים יונגערמאן איז געבוירן געווארן א ליכטיג קינד, און אויך די מאמע איז ב"ה געזונט און פריש.

אין הויז פון דעם געהאלפענעם יונגערמאן האט געהערשט ששון ושמחה, אבער אין הארץ פון דעם באַרדיוב'ער דיין האט עפעס אן אומרואיג געפיל געגריזשעט און נישט געלאזט צורו. אמת, ער איז דער וואס האט גע'עצה'ט דעם יונגערמאן ארויסצוגיין פון שטאט און אפווארטן דעם צדיק פון ליסקא, זייענדיג זיכער אז ווען אזא צדיק איז מתפלל צום אויבערשטן ווערן זיינע תפילות אנגענומען. אבער אצינד, קעגן דעם וואונדער וואס איז פארגעקומען פאר זיינע אויגן, איז ער געבליבן צוטומלט און צומישט. דער צדיק איז דאך נישט געקומען מתפלל זיין, ער האט אפילו נישט געגעבן זיין ברכה! נישט מער ווי א שטיקל צוקער - און די ישועה איז באלד געקומען! אזוי ווי... אזוי ווי... ווי עס וואלט געארבעט מיט כישוף...

ווער ווייסט... האט דער דיין אנגעהויבן צו קלערן... ווער ווייסט צי דאס איז טאקע מצד הקדושה...

געציילטע טעג נאך דעם פאסירונג, איז דער דיין געפארן קיין צאנז. אנקומענדיג אהין האט אים דער הייליגער צאנזער רב געפרעגט מיט שטוינונג: "וואס איז געשען אז דו ביסט געקומען אין אן איינפאכן טאג, עס איז דאך היינט נישט שבת און נישט ראש חודש?!"

האט דער באַרדיוב'ער דיין געענטפערט: "איך בין געקומען זיך אפרעדן אויף רבי הערשלע ליסקער!" און ער האט דערציילט פארן צאנזער רב די גאנצע מעשה מיט'ן אפענעם נס, ווי אזוי רבי הערשלע האט דורכפארנדיג זיין שטאט געוויזן א "בעל-שמ'סקע" מעשה, אן צו מתפלל זיין און אן צו אנווינטשן די קראנקע, נאר מיט א שטיקל צוקער אליין האט ער גע'פועל't די ישועה. "זעט אויס", האט דער דיין אויסגעדריקט זיין פארדאכט, "אז די ישועה איז נישט געקומען מצד הקדושה".

האט זיך דער הייליגער צאנזער רב אנגערופן און געזאגט:

"באַרדיובער דיין, מען זאגט אויף אייך אז איר זענט א חכם, און איר רעדט נארישקייטן. רבי הערשלע האט זיך מקדש געווען זיינע איברים, אזוי ווי אדם הראשון פארן חטא! אויף אזא איד וואונדערט איר זיך?! אויף אים שטייט 'ותגזר אומר ויקם לך', סיי וואס ער נעמט אין זיין האנט איז מסוגל לרפואה!"...

## די געלטער אין באזונדערע בייטלעך

רביה"ק מרן הדברי יואל מסאטמאר זי"ע האט דערציילט דאס פאלגנדע:

דער הייליגער רבי ר' הירש פון ליסקא זי"ע איז אמאל געפארן צום הייליגן רוזשינער זי"ע, און גלייך ווען ער איז אריינגעקומען אין צימער פונעם רוזשענער און געזען דאס גרויסע עשירות וואס איז אין שטוב פון רוזשינער, איז עס אים געווען זייער א גרויס וואונדער. צוזעענדיג דאס גאלד און זילבער אין הויז און די געבויטע שטאלן מיט די באצירטע פערד און וועגענער ווי ביי מלכים האט ער געפרעגט פון הייליגן רוזשינער וואס דאס באדייט.

האט אים דער רוזשינער געענטפערט:

"זאלסט וויסן, נישט פון אלע געלטער וואס קומען אן צו מיר קען איך דערפון הנאה האבן".

"און פון די אלע געלטער וואס קומען אן צו מיר, בלייבט מיר נישט איבער נאר גאר א קליינעם סכום געלט וואס איך ווייס אז דאס געלט קומט פון א כשר'ע מקור, און עס איז נישטא דערויף קיין שום פקפוק".

"און מיט די אנדערע געלטער וואס איך וויל נישט פאר מיר הנאה האבן דערפון, פון דעם קויפט מען פערדן..."

דער רבי זי"ע האט צו דעם מוסיף געווען:

"אויך ביים טאטן דער קדושת יו"ט זי"ע האב איך געזען מערערע בייטלעך געלט, און פון די געלטער וואס ער האט באקומען פון אידן, וואס ער האט געוואוסט אז עס קומט פון א כשר'ן מקור האט ער אוועקגעלייגט באזונדער, און ער האט עס אויסגעגעבן פאר מער מכובד'דיגע זאכן, און דאס געלט וואס ער האט באנוצט פאר זיך אליין, האט ער גענוצט נאר פון אזא געלט וואס קומט פון גאר גאר א ריין אויסגעהאלטענעם פלאץ".

## געגעבן צוקער פאר די פערד צו עסן

עס איז אינטערעסאנט אז אין ספר גדולת יהושע שטייט די אויבענדערמאנטע מעשה אביסל מיט אן אנדערע גירסא, און דארטן שטייט אז דער טעמעשווארער רב הגה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל האט דערציילט די מעשה פאר'ן רבי'ן, און דער רבי האט זייער משבח געווען די מעשה און דער רבי זי"ע האט אויך מוסיף נופך געווען מיט א צווייטע מעשה, ווי מיר וועלן עס אראפברענגען.

ווען דער הייליגער רבי רבי הירש פון ליסקא זי"ע איז געווען ביים הייליגן רוזשינער זי"ע האט ער דארט געזען ווי מען נעמט צוקער פון רוזשינער'ס שטוב און מען גיט עס צו עסן פאר די פערד.

פאר'ן הייליגן רבי ר' הירש זי"ע האט די זאך זייער פארדראסן, זעענדיג ווי מען פזר'ט אויס אזא טייערן מאכל פאר די פערד וואס ווען מען זאל פארקויפן די טייערע צוקער וואלט מען געקענט לייזן דערפון א גרויסן סכום געלט און דאס פארטיילן פאר ארימעלייט צו עסן, און דא גיט מען פאר די פערד אזא טייערן צוקער צו עסן.

ער איז גלייך אריינגעלאפן צום הייליגן רוזשינער צו פרעגן א באשיידונג אויף די מאדנע ערשיינונג.

ווער דער רבי ר' הירש איז שוין געשטאנען ביים טיר פון הייליגן רוזשינער האט ער גלייך געטראכט ביי זיך "אויף וועם האב איך דא א קשיא? ווער בין איך צו פרעגן קשיות פון אזא הייליגן איד".

און אזוי איז ער דארטן געשטאנען ביי די טיר עטליכע מינוטן פארטיפט אין זיינע געדאנקען נישט ארויסרעדנדיג קיין ווארט.

פלוצלינג הערט ער ווי דער הייליגער רוזשינער רעט צו אים פון דערווייטענס און זאגט אים: "ליסקער רב, איך וועל אייך שוין מארגן אלעס פארענטפערן".

דעם אנדערן טאג ווען רבי ר' הירש פון ליסקא איז אריינגעקומען צום הייליגן רוזשינער, האט ער אים געזאגט:

"זאלסט וויסן, מען ברענגט מיר פארשידענע ערליי געלטער, ס'איז פאראן אזא סארט געלט וואס איז פאר קיינעם נישט ראוי נאר פאר פערד, און אזויווי איך וויל אז דאס געלט זאל ווי פריער אויסגיין, דעריבער באפעל איך אז מען זאל פון דעם געלט קויפן צוקער וואס עס קאסט אסאך געלט און מען זאל עס געבן פאר די פערד".

און דערביי האט דער הייליגער ריזשינער געוויזן די אנגעהויפנטע געלטער וואס זענען געלעגן אויפ'ן טיש און אים געזאגט בזה הלשון: "ליסקער רב, פון די אלע געלט וואס איר זעט דא, קומט מיר נישט אויס ניטאמאל פאר א סעודה אחת".

און ס'איז באקאנט אז דער הייליגער ליסקער רב זי"ע האט זיך אויך אזוי געפירט, אז א חלק פון די געלטער וואס מען האט אים געגעבן האט ער אויסגעקליבן, און א גרויס חלק פון די געלטער פלעגט ער אריינווארפן אין בית הכסא.

## געהייסן פארברענען און נישט געפאלגט

דער הייליגער רבי ר' הירש פון ליסקא זי"ע האט אמאל געגעבן א גרויסן סכום געלט פאר זיין גבאי'ן, און ער האט אים געהייסן אז ער זאל עס תיכף ומיד פארברענען.

עס איז דעמאלט אויך דארט געווען הרב הצדיק רבי יוזעפף זצ"ל דער איידעם פון רבי ר' הירש, ווי ער האט דאס געהערט האט ער געפרעגט פון זיין שווער: "אפשר קען מען פון דעם געלט קויפן האלץ אויפ'ן ווינטער פאר ארעמעלייט, וואס אינאיינוועגס וועט דאס געלט אויך האבן א דין פון שריפה ווען דאס האלץ וועט ברענען?!".

דער הייליגער רבי ר' הירש זי"ע האט אבער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו, נאר געהייסן פארברענען דאס געלט אזוי ווי ער האט פון פריער געזאגט.

למעשה האט זיך דער גבאי נישט געאיילט צו פארברענען דאס געלט, און אינדערצווישן האט א מענטש געקומען דאס געלט און באצאלט דערמיט א חוב פון דירה געלט וואס א איד אן ארימאן איז שולדיג געווען פון א גאנץ יאר, און מען האט שוין יענעם ארימאן געוואלט ארויסשטעלן פון זיין דירה און דורכדעם וואס ער האט באצאלט פון יענעם געלט האט מען יענעם ארימאן געלאזט בלייבן אין זיין דירה דער איד האט עס געטאן מיט א גוטע כוונה לשם מצוה.

פאסירט האט אבער אז יענער ארימאן פאר וועם מען האט באצאלט די דירה געלט איז ל"ע קראנק געווארן און ער איז געווארן אויסגעשלאגן אויפן גאנצן קערפער.

מען האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז געקומען דערפאר ווייל ער האט הנאה געהאט פון דעם געלט וואס דער הייליגער רבי ר' הירש זי"ע האט געהייסן מען זאל פארברענען.

מען איז געקומען צום רבי ר' הירש מזכיר זיין דעם ארימאן, און בלית ברירה האט מען אלעס דערציילט אז פון יענעם געלט וואס דער רבי האט געהייסן פארברענען האט מען באצאלט דירה געלט פאר דעם ארימאן.

"וואס האט איר דא געטון?!" האט דער הייליגער רבי הירש געפרעגט מיט פארדרוס, "דאס געלט האב איך דאך באקומען פון איינעם א גרויסן בעל עבירה וואס ער האט געהאט די זעלבע מחלה, ה' ישמרנו, און כ'האב נישט געזען קיין אנדערע ברירה נאר אז מען זאל פארברענען דאס געלט, און אזוי ווי מען האט מיך נישט געפאלגט און א איד האט הנאה געהאט פון יענעם געלט, האט עס ליידער פאסירט".

(רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע)

## מן השמים האט מען געהייסן געבן נאר דעם סכום

מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אויך דערציילט:

ווען דער הייליגער רבי ר' הירש פון ליסקא זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן האט ער געוואוינט אין די שטאט אוהעל, וואו ער איז געזעסן און געלערנט די תורה הקדושה יומם ולילה מתוך הדחק.

איינמאל האט פאסירט אז עס זענען פארלאפן דריי טעג וואס ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א שטיקל ברויט דאס דחקות איז געווען עד אין לשער, מען האט פשוט געהונגערט.

אין דעם דריטן טאג האט זיך געמאכט אז א פרוי א מקשה לילד איז געווען אין א גרויסע סכנה און די מוטער פון הייליגן רבי ר' הירש זי"ע איז געקומען אין חלום צו די מוטער פון די פרוי די מקשה לילד, און איר געזאגט, אזויווי איר זון, רבי ר' הירש, האט שוין נישט געגעסן דריי טאג, אויב זי וועט אים געבן א פערציגער וואס ער זאל דערפון קענען קויפן ברויט צו דערהאלטן דאס חיות פון זיין שטוב, וועט איר טאכטער האבן א ישועה און דאס קינד וועט געבוירן ווערן בשטומ"צ.

ווען די פרוי האט זיך דערוועקט איז זי גלייך געגאנגען אין בית המדרש אויפזוכן דעם רבי'ן ר' הירש זי"ע, זי האט דערציילט דעם חלום און האט אים גלייך געגעבן דעם פערציגער, און תיכף דערויף איז מען געקומען זאגן די בשורה טובה אז איר טאכטער האט שוין געבוירן דאס קינד למזל טוב ובשעה טובה ומצלחת.

דער הייליגער רבי ר' הירש זי"ע האט געזאגט אויף דעם, ער זעט אז מן השמים וויל מען נישט ער זאל האבן מער געלט וויפיל ער דארף אויפן ארט ווייל אויב זיין מאמע וואלט געזאגט אז מען זאל געבן הונדערט גילדען, וואלט דאך יענע פרוי אזויפיל געגעבן ווייל זי האט זיך זייער גענויטיגט אין א ישועה, און די מאמע האט געזאגט אז מען זאל נאר געבן א פערציגער מיט וויפיל ער זאל זיך קענען דערהאלטן דאס חיות.

## מסתופף בצל צדיקים

רבי הערשלי ליסקער האט דערציילט אז ווען ער איז געווען אויף יום הקדוש ביי הרה"ק דער רבי ר' הערש פון רימנוב זי"ע, האט ער באמערקט אז ווען רבי ר' הערש האט געזאגט ביי די עבודה, יוה"כ ביי מוסף די ווערטער: "ירד וטבל עלה ונסתפג", האט ער זיך ארונטערגעבויגן דעם קאפ ווי איינער וואס טובל'ט זיך. האט רבי הערשלי ליסקער געזאגט אז דער רבי ר' הערש האט זיך דעמאלט גע'טובל'ט

(פארזעצונג אויף זייט 17)

# חסד של אמת

**שע"י חברה קדישא דקהל יטב לב דסאטמאר**

די פאלגענדע נפטרים פון קהל יטב לב, האבן ל"ע נישט איבערגעלאזט קיין קינדער, און די יארצייט איז אין די קומענדיגע טעג,

עש"ק פ' ואתחנן: **הב' שמואל דוד ב"ר אשר אנשיל ע"ה קרויז (ראצפערט)**
י"ב אב תשל"ה — ניו זשוירסי נומ. 105

ב' פ' עקב: **מרת מלכה ב"ר יצחק ע"ה**
**אשת ר' שמעון ווייס ע"ה**
ט"ו אב תשנ"ד

**מרת גאלדא ב"ר דוב הכהן ע"ה**
**אלמנת ר' בנימין ציממערמאן ע"ה**
ט"ו אב תשס"ב — קרית יואל נומ. 3039

ד' פ' עקב: **מרת גאלדא רבקה ב"ר חנני' יו"ט ליפא הלוי ע"ה**
**אשת ר' אליעזר יהודה וואלף נ"י**
י"ז אב תשע"א — קרית יואל נומ. 2604

ה' פ' עקב: **הב' יצחק צבי ב"ר ארי' ע"ה ראטה**
י"ח אב תרס"ט — בודאפעסט טשוירז גאס

**מרת פעסיל מרים ב"ר זאב ע"ה**
**אלמנת ר' אברהם יצחק קארן ע"ה**
י"ח אב תשמ"ה — קרית יואל נומ. 2401

**מרת בילא מינדל ב"ר גור ארי' ע"ה**
**אלמנת ר' דוד ראזענבוים ע"ה**
י"ח אב תשמ"ח — קרית יואל נומ. 2415

עש"ק פ' עקב: **ר' ישראל דוב ב"ר יוסף הכהן ע"ה כ"ץ**
י"ט אב תשמ"ג — קרית יואל נומ. 1903

**ת.נ.צ.ב.ה.**

מען בעט ווער עס קען, זאל זאגן א קאפיטל תהלים, אדער לערנען משניות, אדער געבן צדקה לע"נ. און אויב מעגליך צוגיין צום קבר אנצינדן א ליכט.

צו מעלדן א נאמען פון סאטמארער בית החיים ביטע רופן (845) 783-8332 לאזט א מעסעדש

# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

**(פארזעצונג פון זייט 16)**

במימי הדעת, ווייל כידוע איז דאך דער רבי ר' הערש געווען א "כהן"...

מוצאי יום כיפור האט מען אויסגערופן אז יעדער זאל אהיימפארן אויף סוכות. איז רבי הערשלי ליסקער געגאנגען זיך געזעגענען פון רבי'ן ר' הערש, האט ער אים געזאגט בזה"ל: "דיך האב איך נישט געמיינט"... און ער איז טאקע געבליבן דארט אויף סוכות. ער האט דעמאלט דורכגעלערנט אין די סוכה פון דער רבי'ן ר' הערש גאנץ מסכת סוכה. דער רבי ר' הערש האט דאס מרגיש געווען, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן מיט רבי הערשלי ליסקער בלשון כבוד.

רבי הערשלי ליסקער איז אמאל געווען ביי הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקובער זי"ע, האט ער אים געפרעגט צי ער האט געקענט זיין פאטער דעם ראפשיצער רב בעל זרע קודש זי"ע. האט אים רבי הערשלי ליסקער געענטפערט אז ער האט אים איינמאל געזען אין דעמביץ. האט אים רבי אליעזר'ל ווידער געפרעגט, וועלכע צדיקים ער האט משמש געווען. האט רבי הערשלי געענטפערט אז ער איז געווען ביי רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער זי"ע.

האט זיך רבי אליעזר'ל דזיקובער אנגערופן בזה"ל: "ביי רבי מאיר'ל פרימישלאנער איז געלעגן רוח הקודש אויפ'ן טיש", און דערציילט אים די פאלגענדע מעשה:

אמאל האב איך געמוזט ערב סוכות פארנאכטס אנטלויפן פון דזיקוב אין א דארף אריין. עס איז שוין געווען זייער שפעט און מען האט זיך נישט געהאט געראכטן אז איך וועל קומען אהין אויף יום טוב. האט מען אין איילעניש צוזאמענגעשטעלט א קליין סוכה'לע פאר מיר. האט זיך פונקט געמאכט אז א דזיקובער איד איז צופעליג געווען אין פרימישלאן אויף סוכות. דער איד איז געווען די ערשטע נאכט ביי די סעודה ביי רבי ר' מאיר'ל. הערט ער ווי רבי ר' מאיר'ל זאגט: "דער דזיקובער רבי, ר' אליעזר'ל, איז א וואוילער איד, זיצט ער אבער אין א סוכה וואס איז חמתה מרובה מצלתה!"... און באמת איז טאקע אזוי געווען- האט רבי אליעזר'ל פארענדיגט- ווייל אין דער איילעניש האט מען נישט געהעריג מסכך געווען די סוכה כהלכתה"...

אינטערעסאנט איז וואס רבי הערשלי ליסקער שרייבט צו איינעם פון די גדולי דורו, וועלכער איז געווען פון די מתנגדים צו דעם דרך החסידות, וז"ל: הנה שמעתי דיבת רבים שאומרים שמעכת"ה הוא חולק על קהל חסידים והם ורבותיהם הם בעיניו כקליפת השום, והנה הגם שח"ו לא נחשד בעיני ע"ז, אבל מ"מ למיחוש מיהא בעי אולי יוכל להיות שהיינו בעיניו כחגבים וכאפרוחים שלא נפתחו עיניו, ונדמה לו שאנו ח"ו מבלים ימינו בהבל וריק, ודרכינו חדשים מקרוב באו לא שערום אבותינו, ומצוה לרדוף אותנו וכל הנוהגים מנהגינו וללמד תועים בינה, כאשר באמת כמה וכמה מבני עמינו סוברים כן, ע"כ אמרתי אשיחה וירוח לי, ועדי בשחק שלא באתי לכך בשביל אהבת הנצחון ולפגום בכבודו ח"ו כי כבודו הגדול במקומו עומד ואהבתו תקועה בלבי, רק לאהבת האמת...

רבי הערשלי ליסקער שרייבט ווייטער צו דעם מתנגדי'שן גדול, "איך בין געווען אין דזיקוב ביי הרה"ק רבי אליעזר'ל זי"ע, און איך האב דארט געטראפן בבית מדרשו הונדערטער מענטשן מופלגי התורה, טייל פון זיי זענען געווען בקי אין יורה דעה מיט'ן פרי מגדים, און א טייל פון זיי זענען געווען בקי אין חושן משפט מיט די אחרונים, און אפילו הכי, זענען זיי געווען נכנע צו די צדיקים, ובפרט אז כל התורה איז געבויעט אויף די גאונים פון מדינת פולין, ווי דער ש"ך, טורי זהב, מגן אברהם, פרי מגדים, כרתי ופלתי, נודע ביהודה, ועוד".

רבי הערשלי פלעגט יעדעס יאר פארן קיין צאנז אויף א שבת, און דער דברי חיים האט אים גאר שטארק מכבד געווען, אבער אין צאנז פלעגט ער נישט נעמען קיין קוויטלעך זאגנדיג, אז ער וויל נישט זיין א מורה הלכה בפני רבו. ער פלעגט זיך דארט אויך נישט אנטוען דעם טלית פרייטאג צו נאכט, אזוי ווי ער פלעגט טוען אינדערהיים.

## געבן א 'היטש'

עס דערציילט הרה"ח ר' מאיר שטיין הי"ו, אז זיין זיידע הרה"ח ר' יעקב יוסף לעפקאוויטש ז"ל פון נירבאטור, א זון פון הרה"ח ר' יצחק אייזיק לעפקאוויטש ז"ל, וועלכער האט געוואוינט אינעם דארף לאנע.

אין דעם דערפל האבן געוואוינט ניין אידישע משפחות. יעדן שבת פלעגט קומען א בחור פון א ישיבה פון איינע פון די ארומיגע שטעט, משלים זיין צו מנין, און דער בחור האט מרוויח געווען אז ער האט א גאנצע וואך געהאט צו עסן פון דעם וואס מ'האט אים מיטגעגעבן פון דארף.

רבי יצחק אייזיק ז"ל איז געווען א גרויסער חסיד פון הרה"ק רבי הערשלע ליסקער זי"ע בעמח"ס אך פרי תבואה.

איינמאל, זייענדיג ביי רבי הערשלע, נעמענדיג ברכת קדשו איידער ער איז אוועקגעפארן, האט אים רבי הערשלע אנגעזאגט אז אויפן וועג אהיים אויב עמיצער וועט וועלן מיטקומען מיט אים אויפן וואגן, זאל ער אים מיטנעמען. כאטש ער האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט מיט די ווערטער, האט ער דאס אבער מקבל געווען מיט אמונת צדיקים.

אויפ'ן וועג האבן אים אפגעשטעלט צווי אונגארישע זשאנדארן און זיי האבן אים געפרעגט וואו ער פארט, האט ער זיי געענטפערט אז ער פארט קיין 'לאנע', אבער אונטערוועגנס דארף ער זיך נאך אפשטעלן ערלעדיגן זאכן אין דעברעצין. די זשאנדארן האבן אים געבעטן אז זיי ווילן מיטקומען מיט אים ביז לאנע, און זיי וועלן שוין פון דארט ווייטער גיין זייער וועג.

ער האט געדענקט דעם רבי'נס ווערטער, און ער האט מסכים געווען אז זיי זאלן ארויפקומען אויף זיין וואגן.

זייענדיג אין דעברעצין אז ער געגאנגען אין באנק און ער האט ארויסגענומען א סכום געלט וואס ער האט געדארפט האבן פאר זיינע געשעפטן, און ער איז אהיימגעפארן. אנקומענדיג קיין לאנע איז שוין געווען ביינאכט און די זשאנדארן האבן אים געבעטן אז זיי ווילן איבערשלאפן ביי אים, און הערשט מארגן וועלן זיי פארן ווייטער זייער וועג. ער האט זיך אומגעקוקט וואו ער קען זיי לייגן שלאפן און ער האט זיי געלייגט אין א צימער אויפ'ן הויף וואו זיינע ארבעטערס פלעגן שלאפן.

אינמיטן די נאכט האט מען אנגעקלאפט אויפ'ן טיר. ער איז געווארן זייער דערשראקן, ווייל אין יענעם קליינעם דארף פלעגט קיינער נישט אנקומען סתם אזוי אינמיטן די נאכט. ווי נאר ער מאכט אויף די טיר זעט ער א פארמאסקירטן מענטש מיט א רעוואלווער אין די האנט, און יענער פארלאנגט דאס געלט וואס ער האט היינט ארויסגענומען פון די באנק. יענער האט גענוי געוואוסט אז ער האט היינט ארויסגענומען געלט און ער האט דאס געוואלט באקומען.

ער האט זיך באלד דערמאנט פון זיינע געסט... און ער האט געזאגט פאר'ן מערדער אז ער גייט ברענגען דאס געלט. ער איז אריין ביז צום חצר און דארט אנגעהויבן אויפצווועקן די צוויי זשאנדארן, אבער זיי זענען געווען צו מיד זיך צו דערוועקן. נישט האבנדיג קיין ברירה איז ער צוריקגעגאנגען און אהינגעגעבן פאר'ן רויבער אביסל געלט. אבער יענער האט אנגעהויבן צו טענה'ן אז ער האט ארויסגענומען מער געלט, און ער האט געוואלט האבן דאס גאנצע געלט, וויסנדיג גענוי וויפיל געלט ער האט.

ער איז דאן ווידער ארויס צו די צוויי שלאפנדיג זשאנדארן און זיי פרובירט נאכאמאל אויפצו וועקן און ער האט זיי דערציילט די מעשה. זיי האבן אים געהייסן אז ער זאל אים געבן דאס גאנצע געלט, און זיי זענען ארויס פון די צווייטע זייט. ווען יענער איז אוועקגעגאנגען מיט דאס געלט האבן זיי אם אפגעווארט און האבן אים ארעסטירט מיט קייטן און אפגעפירט צו די פאליציי.

נאכ'ן אראפנעמען זיין מאסקע האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז געווען דער באנקיר פון דעברעצין וואס האט אים געהאט געגעבן דאס געלט און ער האט אים געוואלט בארויבן.

עס איז געווען אינטערעסאנט אז ווען די פאליציי האט געוואלט אראפנעמען די קייטן האבן זיי נישט געטראפן די שליסל, און זיי האבן געמוזט גיין זוכן א שמיד איבער די שטאט וואס זאל קומען עפענען די קייטן. דאס האט גורם געווען אז די מעשה האט געהאט א גרויסן פרסום, און איבער די גאנצע שטאט איז מען געוואויר געווארן אז דער באנקיר איז א פשוטער רויבער.

האט זיך דאן קלאר ארויסגעשטעלט דעם ווייטן בליק פונעם צדיק וואס ער האט דאס אלעס פון פריער געזען און ער האט געהייסן אז ער זאל ארויפנעמען די מענטשן פאר א 'היטש'. (זקניך ויאמרו לך, ח"ו)

## פערל ווערטער פון הרה"ק רבי הערשילע ליסקער זי"ע

אמאל איז אויסגעקומען פארן צדיק רבי הערשלע ליסקער זיך צו געפונען ביי א חתונה אינאיינעם מיט'ן הייליגן חתם סופר זי"ע.

ווען דער חתן האט אנגעפאנגען צו זאגן זיין פשט'ל, האט אים רבי הערשלע ליסקער אפגעשטעלט און נישט געלאזט זאגן ווייטער. דער חתם סופר האט אבער יא געוואלט אז דער חתן זאל פארזעצן, און ער האט געפרעגט רבי הערשלע פארוואס ער לאזט נישט דעם חתן זאגן דעם פשט'ל.

"איך האב א סוד אין דעם", האט רבי הערשלע געענטפערט.

"און וואס איז דער סוד?" האט דער חתם סופר געפרעגט.

האט רבי הערשלע געענטפערט: "דער סוד איז וואס מען קען נישט אויסזאגן"... (ווי צו זאגן: וויבאלד דער חתן קען נישט ענדיגן אויסזאגן דעם פלפול, דערפאר האקט ער אים איבער כדי ער זאל נישט פארשעמט ווערן)...

*

איינמאל ביים סדר נאכט, אנקומענדיג צו די ווערטער "חסיד הוא" אין דעם פיוט "אדיר הוא", האט רבי הערשלע ליסקער אויסגעבראכן אין א געוויין אויסרופנדיג:

"רבונו של עולם, אויב דו ביסט א חסיד, טא פארוואס זאגסטו נישט 'ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה'?!"

הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא האט געזאגט:

לכאורה איז ארויסגיין אין גאס אן איינשטעלעניש אין עבודת ה'. נאר וואס, א איד דארף דאך גיין אין מקוה, ער דארף גיין דאווענען, ער דארף גיין אין ביהמ"ד לערנען, האט מען סייעתא דשמיא. אבער אז מ'גייט אין טעאטער האט מען דען סייעתא דשמיא!?...

(ווען רביה"ק הדברי יואל מסאטמאר זי"ע האט איבערגעזאגט די ווערטער האט ער צוגעלייגט: "די היינטיגע גאס איז ערגער ווי דער טעאטער פון רבי הערשלע ליסקער"...)

*

רבי הערשלע ליסקער האט געטייטשט די הלכה אין שלחן ערוך: "אחרים אומרים שקורין את שמע - משיראה את חברו מרחוק ד' אמות" (אנדערע האלטן אז מען קען שוין ליינען קריאת שמע - פון ווען עס איז שוין גענוג ליכטיג צו קענען זען דעם חבר פיר איילן פונדערווייטנס).

האט רבי הערשלע ליסקער געזאגט:

א איד דארף מקיים זיין נישט נאר די מצוות שבין אדם למקום, נאר אויך די מצוות שבין אדם לחבירו. נאר ווען "משיראה את חברו" - ווען א איד זעט זיין חבר און געדענקט די מצוות שבין אדם לחברו, נאר דאן מעג ער מקבל זיין דעם עול מלכות שמים.

*

ווען א מענטש שטייט אין גאס און שרייט "א פייער!! א פייער!!"- דאן אויב איז עס אמת, איז אים יעדער דאנקבאר דערפאר. דאגעגן אויב ווייזט זיך ארויס אז דאס איז שקר און ער פארדרייט אומזיסט דעם קאפ פאר מענטשן, וועט מען זיך אויפרעגן אויף אים און אים פארטרייבן.

דאס זעלבע ווען א איד טאנצט מיט התלהבות, שרייט און שאקלט זיך שטארק ביים דאווענען אד"ג, דארף ער זען עס זאל ברענען אין אים אן אמת'ער פייער פאר'ן אויבערשטן.

*

וואס איז דער מקור צום מנהג פון כאפן שיריים פון א צדיק?

האט רבי הערשלע ליסקער געזאגט:

אין ש"ס ווערט געברענגט, אז איינער וואס עסט פון דעם וואס א מייז אדער קאץ עסט, פארגעסט ער דאס לערנען, ווייל עס בלייבט א רוח טומאה אויפ'ן מאכל.

אויב אזוי, איז דאך "מדה טובה מרובה ממדת פורעניות". אוודאי און אוודאי ווען איינער עסט פון דעם וואס עס האט געגעסן א איד מיט א הייליג מויל, מיט הייליגע הענט, מיט אויסגעהייליגטע גלידער, איז דאך זיכער אז ער קען מושפע ווערן פון די קדושה און איידעלע מידות, דורכ'ן עסן זיינע שיריים.

*

רבי הערשלע ליסקער האט געזאגט: עס איז מער באליבט ביי מיר א מענטש וואס האט נישט געקענט דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, און ער גייט אהיים פון ביהמ"ד מיט א צובראכן הארץ וואס ער האט נישט געדאווענט געהעריג, ווי א מענטש וואס האט געדאווענט ווי ס'דארף צו זיין און ער האט גרויס הנאה דערפון, אהיימגייענדיג פון ביהמ"ד שפירט ער ביי זיך: אה, ברוך ה', כ'האב אראפגעלייגט א דאווענען!

*

א פרוי איז אמאל אריינגעקומען צו רבי הערשלע ליסקער און האט אים געגעבן א קוויטל מיט א בקשה זי זאל זוכה זיין צו א קינד אזוי ווי דער צדיק.

האט איר דער צדיק געענטפערט:

"ביסטו אויך אזא מאמע, ווי מיין מאמע איז געווען?!"

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

## פון "יוביק" פארטיי ביז שמירת התורה והמצות | ישראל צבאב

**(פארזעצונג פון זייט 4)**

אינצידענטן, ארבעט איך האנט ביי האנט מיט אידישע פירער אין אייראפע איינצושטעלן נייע פארזיכערונגען און סיסטעמען אז אידן זאלן קענען אנגיין אין אייראפע מיט זייער טאג טעגליכן לעבן און נישט דארפן לעבן אין שרעק פון אנטיסעמיטישע עלעמענטן.

איך האב דאס נאך פאר קיינעם נישט געזאגט, אבער איך פלאן מעגליך צו קומען קיין אמעריקע פאר א באזוך צו די אידישע שטעט דארטן. ס'איז מיר דערווייל זייער שווער, ווייל איך קען קוים רעדן עטליכע ווערטער ענגליש ווייל כ'בין אויפגעוואקסן אין אונגארן פון קליינוויז אן און כ'האב עפעס אנדערש נישט געזען. ס'וועט נאך דויערן א שטיקל צייט, אבער איך האף צו פארפולקאמען מיין ווינטש און קומען פאר א באזוך.

איך האב געזען באריכטעט אז איך פלאן צו באזוכן אוישוויץ, וואו מיינע זיידעס און באבעס זענען געפייניגט געווארן. איך האף טאקע איין טאג דארטן צו באזוכן, אבער דערווייל איז מיר שווער עס דורכצופירן, צוליב פארשידענע סיבות - אויך גייסטיש בין איך נאכנישט גרייט דערפאר, איך האף אז דו פארשטייסט וואס איך מיין דערמיט צו זאגן.

**דער בלאט:** יישר כוח פאר'ן אראפגעבן פון אייער טייערע צייט. מיר ווינטשן אייך הצלחה אין אייער ארבעט און ווייטערדיגע שטארקקייט אין אייער אידישקייט.